# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

שנת תשפ"ד - גליון קמג

**פרשת שמיני**

בענין

**לבאר את המדרש פליאה**

**'וידם אהרן' – מה הוי ליה לומר?**

**'וביום השמיני ימול בשר ערלתו'**

**חלק א'**

**וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל אַהֲרֹן הוּא אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' לֵאמֹר בִּקְרֹבַי אֶקָּדֵשׁ וְעַל פְּנֵי כָל הָעָם אֶכָּבֵד וַיִּדֹּם אַהֲרֹן** (ויקרא י, ג)

## מדרש פליאה

די **מפרשים** (יערות דבש חלק ב, דרש יז; שם משמואל בפרשתן, ועוד) ברענגען אראפ א מדרש פליאה וואס עס שטייט אזוי: **מה הוי ליה לומר? היה לו לומר וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל בְּשַׂר עָרְלָתוֹ** (ויקרא יב, ג) - פירוש: די מדרש פרעגט אויף דעם וואס עס שטייט אין פסוק 'וידום אהרן', דהיינו אהרן הכהן האט געשוויגן נאך וואס ער האט פארלוירן זיינע צוויי זוהן נדב ואביהוא - פרעגט די מדרש, וואס האט אהרן געקענט זאגן? און ער האט אבער אנשטאט דעם געשוויגן? ענטפערט די מדרש, אז אהרן וואלט געקענט זאגן וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל בְּשַׂר עָרְלָתוֹ. עד כאן המדרש. און די מדרש איז דאך בפשטות זייער שווער צו פארשטיין.

[והנה בספרים הקדושים יש הרבה דרכים לבאר את דברי המדרש על דרך הדרוש והחסידות, אבל הבאנו רק המהלכים שהם על דרך פלפול וחידוד כדרכנו בגליון הזה].

## דרכו של הגאון רבי אליעזר צוקער זצ"ל

**הגאון המובהק רבי אליעזר צוקער זצ"ל** חתנא דבי נשיאה פון דער גרויסער גאון דער **קול אריה זצ"ל**, אין זיין ספר **מגדנות אליעזר** שרייבט א הפלא'דיגע תירוץ בדרך פלפול צו מבאר זיין דער מדרש.

די גמרא אין **מסכת עירובין** (סג, א) שרייבט וואס עס איז געווען די חטא פון נדב ואביהוא, וזה הלשון שם: **תניא, רבי אליעזר אומר: לא מתו בני אהרן עד שהורו הלכה בפני משה רבן** - פירוש: נדב ואביהוא האבן נישט באקומען די עונש פון מיתה וויבאלד זיי האבן געברענגט אן אש זרה אויף די מזבח, נאר די סיבה פארוואס זיי האבן באקומען די עונש פון מיתה איז וויבאלד זיין האבן גע'פסק'נט אן הלכה בפני משה, און אויף דעם האבן זיין באקומען די עונש.

זאגט די גמרא ווייטער: **מאי דרוש?** - וואס האבן נדב ואביהוא גע'דרש'נט? ענטפערט די גמרא: זיי האבן גע'דרש'נט דער פסוק **'וְנָתְנוּ בְּנֵי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אֵשׁ עַל הַמִּזְבֵּחַ'** (ויקרא א, ז), **אמרו** - נדב ואביהוא האבן געזאגט: **אף על פי שהאש יורדת מן השמים, מצוה להביא מן ההדיוט** - פירוש: אין פסוק שטייט דאך אז די 'בני אהרן' דארפ'ן ברענגען פייער אויף די מזבח, און נדב ואביהוא האבן געזאגט פאר משה, אז דעס איז די סיבה פארוואס זיי האבן געברענגט דער אש מן ההדיוט, און זיך נישט באגעניגט מיט די אש וואס איז געווען אויף די מזבח. און וויבאלד נדב ואביהוא האבן גע'פסק'נט דא א נייע הלכה בפני משה, האבן זיי דאך עובר געווען אויף די איסור פון 'מורה הלכה בפני רבו, און וועגן דעם זענען זיי נענש געווארן מיט מיתה

קומט רבי אליעזר צוקער און פרעגט אויף דער גמרא: **וקשה, כיון דמצוה להביא מן ההדיוט, והם ידעו מעצמן שהוא מצוה והיו רשאים לעשות אי לאו דאסור להורות בפני רבו, אם כן אמאי לא נימא אף אם עשו והורו בפני רבם, עם כל זאת כיון דעשו מצוה נימא עשה דוחה לא תעשה, ולא מגיע להם עונש?** - פירוש: לכאורה איז שווער אויף דער גמרא. דער כלל איז דאך אין די גאנצע תורה, אז **'עשה דוחה לא תעשה'**, און דא ביי נדב ואביהוא, האבן זיי דאך געהאט א מצות עשה פון ברענגן 'אש מן ההדיוט', און אפילו דורך וואס זיי גייען ברענגען דער אש מן ההדיוט, וועלן זיי עובר זיין אויף דער איסור פון 'מורה זיין הלכה בפני רבו', דהיינו זיי גייען דארפ'ן מסביר זיין פאר משה דער פסק הלכה אז מען דארף ברענגען אש מן ההדיוט, אפילו אזוי מן הדין האבן זיין עס געמעגט טוהן, ווייל די 'מצות עשה' פון להביא אש מן ההדיוט, גייט דוחה זיין דער 'לא תעשה' פון מורה זיין הלכה בפני רבו?

ענטפערט רבי אליעזר אויף דער קשיא: **אולם לכאורה זה אינו, דהא אפשר לקיים שניים לא אמרינן עשה דוחה לא תעשה, וכאן היה אפשר להם להמליך במשה רבם ולקיים המצוה, ולא להורות בפניו, על כן אין עשה דוחה לא תעשה** - פירוש: די גמרא אין **מסכת שבת** (קלג, א) ברענגט א מימרא פון רבי שמעון בן לקיש וואס זאגט: **אמר רבי שמעון בן לקיש: כל מקום שאתה מוצא עשה ולא תעשה, אם אתה יכול לקיים שניהם - מוטב, ואם לאו - יבא עשה וידחה לא תעשה** - פירוש: ריש לקיש זאגט, אז אפילו אינז וויסען אייביג אז עס איז דא דער כלל פון 'עשה דוחה לא תעשה', אבער דעס זאגט מען דייקא ביי א פלאץ, וואס מען קען נישט סיי מקיים זיין די עשה, און סיי נישט עובר זיין אויף די לא תעשה, אבער אין א פלאץ, וואס בעצם קען מען מקיים זיין דער עשה אן עובר זיין אויף דער לא תעשה, דעמאלטס זאגט מען נישט דער כלל פון 'עשה דוחה לא תעשה'. לפי זה - זאגט די מגדנות אליעזר - אז דא ביי נדב ואביהוא, האבן זיין בעצם נישט געמוזט פסק'נען אליינס דער הלכה, נאר זיי האבן געקענט פרעגן משה רבינו, צו עס איז דא א מצוה להביא אש מן ההדיוט, און נאכדעם מקיים זיין דער מצות עשה, און וועגן דעם גייט אריין דער מצות עשה ולא תעשה אין די כלל פון 'יכול לקיים שניהם', דהיינו זיי האבן געקענט מקיים זיין דער מצות עשה פון להביא אש מן ההדיוט, און עובר זיין אויף די דער לא תעשה פון מורה זיין הלכה בפני רבו, און וועגן דעם האט דער עשה נישט דוחה געווען דער לא תעשה, און זיי זענען נענש געווארן.

די **רמ"א** אין הלכות מילה (יורה דעה, סימן רסב, ס"א) פסק'נט: **מלו תוך שמונה, וביום, יצא** - פירוש: אויב מען האט געמ'לט א קינד אין די אכט טעג [דהיינו פאר די אכטע טאג] האט מען יוצא געווען די מצוה פון ברית מילה.

קומט דארט די **ש"ך** (סק"א) און פרעגט זייער א שטארקע קשיא אויף דער פסק פון די רמ"א.

די **גמרא** אין **מסכת שבת** (קלב, א) דרש'נט אויף דער פסוק **וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל בְּשַׂר עָרְלָתוֹ - 'וביום' אפילו בשבת**, דהיינו מען מעג מל'ן א קינד ביי די אכטע טאג, אפילו עס געפאלט אין שבת, ווייל מילה איז דוחה שבת. קומט די ש"ך און ברענגט אראפ א סוגיא אין **גמרא מסכת מנחות** (עב, א) ווי עס שטייט אזוי: די הלכה איז אז 'קצירת העומר', מיז זיין דוקא 'בלילה'. שטעלט זיך די שאלה, וואס גייט זיין די הלכה אויב מען הט עובר געווען אויף דער הלכה, און מען האט געמאכט קצירת העומר 'בייטאג'? אויף דעם איז דא א סתירת המשניות. אין משנה אין מסכת מנחות שטייט: **'נקצר ביום כשר'**. אין משנה אין מסכת מגילה (כ, ב) איז מבואר אז **'נקצר ביום פסול'**, זאגט די גמרא אין מסכת מנחות, אז די משנה אין מסכת מגילה גייט אזוי ווי שיטת רבי אלעזר ברבי שמעון וואס האלט אז 'עומר הנקצר ביום' איז פסול [משא"כ די משנה אין מנחות גייט ווי שיטת רבי וואס האלט אז עס איז כשר].

זאגט די גמרא דארט אז דער שיטה פון רבי אלעזר ברבי שמעון איז געבויעט צוויי אנדערע הלכות, וזה הלשון שם: **אמר רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן, רבי אלעזר ברבי שמעון בשיטת רבי עקיבא רבו של אביו אמרה, דתנן: כלל אמר רבי עקיבא, כל מלאכה שאפשר לו לעשותה מערב שבת אינה דוחה שבת. וסבר לה כרבי ישמעאל דאמר 'קצירת העומר מצוה'** - פירוש: רבי יוחנן ברענגט אראפ צוויי הלכות. 1. וואס רבי עקיבא האט געזאגט אז יעדער מלאכה - וואס איז לצורך מצוה - וואס מען קען בעצם מאכן ערב שבת, איז נישט דוחה שבת, אפילו עס איז א מצוה. 2. וואס רבי ישמעאל האלט אז אפילו די 'קצירה' פון די עומר איז אויך א מצוה. לפי זה זאגט רבי יוחנן: **ואי סלקא דעתך נקצר שלא כמצותו כשר, אמאי דחי שבת? נקצריה מערב שבת! אלא מדדחי שבת שמע מינה נקצר שלא כמצותו פסול** - דהיינו, די גמרא איז מבאר אז רבי אלעזר ברבי שמעון האט געהאלטן דער ביידע שיטות, סיי אז קצירת העומר איז א מצוה, און סיי אז א מצוה וואס מען קען מאכן ערב שבת איז נישט דוחה שבת. און אויב וואלט רבי אלעזר ברבי שמעון געהאלטן אז 'קצירת העומר' וואס מען האט

להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com

געטוהן בייטאג איז כשר, קומט אויס אז ער האלט בעל כרחך אז 'נקצר שלא כמצותו כשר', און אויב האלט ער אז 'נקצר שלא כמצותו כשר', וואלט ער געדארפט האלטן אז דער קצירת העומר איז נישט דוחה שבת, ווייל ער האלט דאך אזוי ווי רבי עקיבא וואס זאגט 'כל מלאכה שאפשר לו לעשותה מערב שבת אינה דוחה שבת', און דער עומר איז איך אין דער כלל, ווייל אפילו מען וועט שניידן די עומר פאר שבת וועט עס זיין כשר. נאר ע"כ זעהט מען פון דעם, אז רבי אלעזר ברבי שמעון האלט אז 'נקצר ביום פסול', און וועגן דעם איז נישט דא קיין מהלך פון שניידן די עומר ערב שבת, און וועגן דעם איז עס דוחה שבת. עד כאן סוגית הגמרא שם.

קומט די ש"ך און פרעגט, אויב איז אמת די פסק פון די רמ"א אז אפילו אויב מען מל'ט אין די אכט טעג איז די מילה א כשר'ע מילה, אויב אזוי ווערט שווער די זעלבע סארט קשיא וואס די גמרא פרעגט אין מנחות 'אמאי דוחה שבת'? דהיינו פארוואס איז מילה דוחה שבת, לכאורה וואלט געדארפט זיין די דין אז עס זאל נישט דוחה זיין שבת, אזוי ווי רבי עקיבא זאגט 'כל מלאכה שאפשר לו לעשותה מערב שבת אינה דוחה שבת', און ביי מילה קען מען דאך בעצם מל'ן אפילו די זיבעטע טאג אויך בדיעבד, איז ביי א פאל וואס די אכטע טאג געפאלט אין שבת, וואלט מען געדארפט מל'ן די ערב שבת, דהיינו די זיבעטע טאג?

קומט רבי אליעזר און ברענגט א הפלא'דיגע תירוץ אויף דער קשיא פון די ש"ך, פון זיין גרויסען שווער דער קול אריה, וזה לשונו: **ותירץ כ"ק מורי חמי הגה"ק זצללה"ה דבר נכון על פי מה שהעלה במקום אחר, דסברת 'אפשר לקיים שניהם' הוא דוגמת 'דבר שיש לו מתירין' דלא בטל, דאמרינן 'עד שתאכלנו על ידי ביטול תאכלנו שלא על ידי ביטול כלל', וכן כך לענין עשה דוחה לא תעשה, 'עד שתעשנו על ידי דחויה עשה בלי דחויה כלל' כמבואר באחרונים** - פירוש: דער קול אריה איז אינז מגלה א מורא'דיגע הבנה אין די כלל אז מען זאגט נישט עשה דוחה לא תעשה 'באפשר לקיים שניהם', אז דער כלל ארבעט אזוי ווי די באוויסטע כלל פון 'דבר שיש לו מתירין'.

דער דין אין הלכות תערובות איז, אז א זאך וואס איז א דבר שיש לו מתירין, ווי למשל א **'ביצה שנולדה ביום טוב'** וואס אסור נאר אין יום טוב מטעם נולד, אבער נאך יום טוב איז עס מותר צו עסן, אויב דער ביצה פאלט אריין אין א תערובות זאגט מען נישט אז עס ווערט בטל ברוב, אדער בששים, נאר מען זאגט ווייבאלד דער ביצה איז בגדר 'יש לו מתירין', דהיינו עס גייט דאך מארגען זיין מותר, ווערט דער ביצה נישט בטל אין די תערובות, און די גאנצע תערובות איז אסור צו עסן מכח די אסור'דיגע ביצה.

און די טעם פארוואס מען זאגט אז א דבר שיש לו מתירין ווערט נישט בטל, שרייבט **רש"י** אין **מסכת ביצה** (ג, ב, ד"ה אפילו באלף לא בטיל): **הואיל ויש לו מתירין לאחר זמן לא יאכלנו באיסור על ידי ביטול**. אדער אזוי ווי עס ווערט אנגערופן אין די לומד'ישע וועלט **'עד תאכלנו באיסור תאכלנו בהיתר'**, דהיינו מען זאגט, אנשטאט צו עסן די ביצה וואס איז בעצם אסור יעצט אין יום טוב בדרך איסור, ווייל אפילו עס ווערט בטל ברוב, איז סוף כל סוף דא דא א ביצה של איסור, ווארט צו ביז מארגען און די קענסט עסן דער ביצה בדרך היתר. און וועגן דעם ווערט נישט א דבר שיש לו מתירין בטל. דער זעלבע סברא זאגט מען אויך ביי 'אפשר לקיים שניהם', דהיינו אפילו אייביג איז דער כלל אז 'עשה דוחה לא תעשה', אבער אויב מען האט א מצב פון 'אפשר לקיים שניהם', דעמאלטס זאגט מען 'עד שתקיים את העשה באיסור תקיים את העשה בהיתר', דהיינו אנשטאט צו מקיים זיין דער מצות עשה דורכ'ן עובר זיין אויף א לא תעשה, זיי ענדערש מקיים דער עשה באופן היתר אן עובר זיין אויף א לא תעשה.

נאכ'ן מקשר זיין דער צוויי כללים פון 'דבר שיש לו מתירין', מיט 'אפשר לקיים שניהם', איז דער קול אריה ממשיך און איז מחדש לפי זה נאך א חידוש וואס גייט זיין נוגע לגבי 'אין עשה דוחה לא תעשה היכי דאפשר לקיים שניהם'.

ביי דער דין פון 'דבר שיש לו מתירין' איז דא א גרויסע חידוש פון דער **מרדכי** וואס שרייבט (מסכת שבת רמז רנ"ט): **גיגית מליאה ענבים ובועטים אותם במקלות, ושוהה שם היין קרוב לחודש עם הענבים בגיגית, והיו מחוסרין דריכה, שאין דורכין רק מעט לא ברגל ולא בקורה, גם מאותו הגיגית מותר למשוך בברזא בשבת לשתות, שהרי משקין הרבה יצאו מערב שבת חוץ לענבים בגיגית, ואפילו יוצא בשבת מתוך הענבים מתבטל הוא במשקים של היתר שכבר יצאו** - פירוש: דער מרדכי שרייבט, אז ווען איינער האט א פאס אנגעפולט מיט ענבים, און עס קומט ארויס פון די טרויבן זאפט משך די וואך, איז אפילו אויב שבת רינט ארויס פון די ענבים נאך זאפט אין לכאורה וואלט עס געדארפט זיין אסור אזוי ווי דער דין איז אז 'משקין היוצאים מעצמן'

איז אסור שבת, אפילו אזוי איז עס מותר, ווייל מען זאגט אז די נייע זאפט וואס קומט ארויס פון די ענבים ווערט 'בטל' און די איבריגע זאפט וואס איז של היתר. [וכשיטת המרדכי נפסק הלכה למעשה בהלכות שבת, סימן שכ, ס"ב, ובהלכות תערובות סימן קב, ס"ב]. קומט די מרדכי און פרעגט אויף זיין פסק: **ולא דמי לדבר שיש לו מתירים שיכול להמתין עד לאחר השבת דאפילו באלף לא בטיל** - פירוש: לכאורה וואלט די נייע זאפט פון די ענבים געדארפט זיין אסור, און עס וואלט נישט געדארפט בטל ווערן ברוב, ווייל די נייע זאפט גייט דאך זיין מותר מוצאי שבת, און אויב אזוי איז דאך עס א 'דבר שיש לו מתירין', און די כלל איז דאך אז א 'דבר שיש לו מתירין אפילו באלף לא בטיל'? קומט די מרדכי און איז מחדש: **דהני מילי כשהאיסור בעין בתחילה ואחר כך נתערב בהיתר במינו, אבל הני לא ניכרו מעולם, אלא מעט מעט שיוצאין מתערבין שם עם המשקין של היתר שיצאו מאתמול... ומתבטל עם היין שהיה כבר** - פירוש: די מרדכי איז מחדש, אז דער כלל פון 'דבר שיש לו מתירין אפילו באלף לא בטיל' זאגט מען נאר ביי א פאל וואס עס איז געוועהן א איסור בעין, אזוי ווי דער ביצה שנולדה ביום טוב, און דער איסור בעין איז אריין געפאלן אין א תערובות של היתר, דעמאלטס ווערט נישט דער ביצה בטל. משא"כ די נייע זאפט פון די ענבים וואס קומט ארויס שבת, איז קיינמאל נישט געווען בעין, ווייל תיכף ווען עס ווערט 'נולד' איז עס שוין גלייך און א תערובות, און אויף אזא אופן זאגט מען אז אפילו עס איז א דבר שיש לו מתירין, ווערט עס יא בטל. עד כאן חידושו של המרדכי.

קומט דער קול אריה און זאגט אז דער חידוש פון דער מרדכי ביי דבר שיש לו מתירין, וועט אויך זיין נוגע ביי 'אין עשה דוחה לא תעשה באפשר לקיים שניהם'. וזה לשונו: **ומעתה כמו כן כאן - לענין עשה דלא תעשה, דהא באמת במילה הוי מקלקל בחבורה דפטור, ורק מתקן הוא אצל המצוה, ועיין בשבת דף קו, ובתוספות שם, ואם כן לפי זה ליכא כאן לאו כלל, רק בעת עשיות העשה דמקיים מצות מילה, דהוי ליה תיקון לגבי מצוה, והעיקר הלאו נולד רק בעת קיום העשה, ומקודם לא היה מציאות איסור לאו כלל, ובזה אם נימא עשה דוחה לא תעשה אז לא היה מעולם כלל לאו, על כן אפילו אפשר לקיים שניהם אמרינן עשה דוחה לא תעשה, ומיושב קושית הש"ך על הנכון** - פירוש: אין גמרא אין **מסכת שבת** (קו, א) איז מבואר אז בעצם וואלט מען נישט געדארפט בכלל עובר זיין אויף א לא תעשה ווען מען מל'עט שבת, ווייל דער דין איז דאך 'כל המקלקלין פטורין', און בעצם האט מען נישט געדארפט קיין לימוד פון 'וביום אפילו בשבת', נאר די טעם פארוואס מען דארף די פסוק, וויבאלד די פעולה פון מילה איז א 'מצוה', און אויב אזוי קומט אויס אז דער קלקול איז בעצם א תיקון, ווייל דער מצוה פון מילה מאכט אז דער קלקול איז בעצם די תיקון.

אויב אזוי קומט אויס, אז דער 'לאו' פון חבורה ביי מילה איז 'נולד' בשעת די מצות עשה, ווייל ווען נישט די מצוה עשה, איז דער לאו בכלל נישט קיין לאו, ווייל ער איז דאך א מקלקל, און נאר די מצוה מאכט אז די לאו זאל זיין א לאו פון חבורה, ווייל די מצוה מאכט אז דער קלקול זאל זיין בעצם א תיקון, און אויב אזי איז דער לאו נולד בתוך המצות עשה, וואס פונקט ווי ביי דבר שיש לו מתירין זאגט מען אז 'נולד בתערובות' ווערט יא בטל ברוב, אדער בששים, אזוי אויך ביי א עשה און א לא תעשה אפילו היכי דאפשר לקיים שניהם, אויב דער לאו ווערט נולד אין דער מצוה עשה, איז דער עשה יא דוחה די לאו, און מען זאגט נישט אז וויבאלד 'אפשר לקיים שניהם', איז דער עשה נישט דוחה דער לאו.

לפי זה פארענטפערט דער קול אריה הערליך שיין דער קשיא פון דער ש"ך אויף די רמ"א, אז אפילו די רמ"א האלט אז אויב מען האט גע'מל'ט תוך שמונה איז די מילה כשר, אפילו אזוי איז מילה דוחה שבת, אפילו עס גייט אריין אין די כלל פון 'אפשר לקיים שניהם', ווייל דעס איז גוט ביי סתם א עשה מיט א לא תעשה, אבער ביי מילה בשבת, וואס דער לא תעשה ווערט נולד אין די עשה, דארט זאגט מען אפילו היכי דאפשר לקיים שניהם, איז די עשה דוחה לא תעשה, וועגן דעם מעג מען מל'ן אפילו אין שבת. כפתור ופרח!

מיט דעי אלע הקדמות, קומט דער מגדנות אליעזר און איז מסביר בדרך הפלא ופלא די ווערטער פון די מדרש פליאה 'מה הוי ליה לומר? היה לו לומר וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל בְּשַׂר עָרְלָתוֹ', וזה לשונו: **על כל פנים היוצא לנו מזה, דמהא דמילה דוחה שבת נשמע דהיכא דהלאו נולד על ידי העשה ובלי המצוה אין כאן לא תעשה כלל אז עשה דוחה לא תעשה, אף דאפשר לקיים שניהם, אם כן, כמו כן בנידון דידן גבי נדב ואביהוא כיון דמצוה להביא מן ההדיוט, והם ידעו שהוא מצוה, והיה רשאים לעשות, אי לאו דאסור להורות בפני רבם, אם כן שוב נימא אף אם עשו והורו בפני רבם עם כל זה כיון דעשו מצוה נימא עשה דוחה לא תעשה, ואינו מגיע להם עונש, ואף דאפשר לקיים שניהם, והיה אפשר להם להמליך**

להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com

**במשה רבם ולקיים המצוה ולא להורות בפני רבם, עם כל זה בנידון דידן עשה דוחה לא תעשה אף דאפשר לקיים שניהם, דגם בנידון דידן עיקר הלאו נולד רק על ידי העשה, דלולי דמצוה להביא מן ההדיוט אין כאן מורה הלכה בפני רבו כלל, דלא הוי רק מעשה קוף בעלמא, ורק משום דמצוה להביא מן ההדיוט והמה עשו זאת מדעת עצמם על ידי כך נולד האיסור דמורה הלכה בפני רבו, אם כן בכהאי גונא דוחה שפיר אף דאפשר לקיים שניהם.**

פירוש: רבי אליעזר קומט און איז מפרש אז דא ביי נדב ואביהוא האבן זיי אויך געהאט אזא 'לא תעשה' וואס איז נולד געווארען אין די 'עשה'. און די הסבר איז, ווייל נאר בשעת זיין האבן מחדש געווען אז עס איז דא א מצוה להביא אש מן ההדיוט, נאר דעמאלטס איז נולד געווארען די לאו אז זיי זענען דא מורה הלכה בפני רבם, ווייל ווען נישט זיין קומען אויף אז עס איז מצוה להביא אש מן ההדיוט, נאר זיי וואלטן סתם אזוי געברעגנט אש מן ההדיוט, וואלט נישט געווען די לא עשה פון 'מורה הלכה בפני רבו', ווייל זיי האבן עס בכלל נישט געברענגט אלץ א מצוה, נאר די גאנצע פראבלעם האט זיך אנגעהויבן נאך וואס זיי האבן מחדש געווען אז עס איז א מצוה להביא אש מן ההדיוט באותו רגע איז נולד געווארן דער לאו פון 'מורה הלכה בפני רבו', און אויב אזוי האבן נדב ואביהוא לכאורה נישט עובר געווען אויף קיין שום איסור, ווייל אפילו מען גייט זאגן אז די טעם העונש איז וויבאלד זיי האבן מורה געווען הלכה בפני רבו? אויף דעם קען מען ענטפערן אז מען זאגט דאך דער כלל פון 'עשה דוחה לא תעשה', און זיי האבן דאך מקיים געווען דא א עשה'. און אויב מען גייט צוריק טענה'ן אז דא איז געווען די כלל פון 'אפשר לקיים שניהם', ווייל זיי האבן געדארפט פרעגן קודם משה רבינו? אויף דעם קען מען ענטפערן, אז וויבאלד דער לא תעשה איז דאך נולד געווארען אין די עשה, איז אויף אזא פאל זאגט מען נישט דער כלל פון 'אפשר לקיים שניהם', און זייער עשה האט יא דוחה געווען די לא תעשה פון מורה הלכה בפני רבו.

לפי זה איז רבי אליעזר ממשיך און ער איז מבאר דער מדרש פליאה: **ומובן היטב דברי המדרש, וידום אהרן, מה הוה ליה למימר, ביום השמיני ימול בשר ערלתו, והכוונה דמשם ילפינן דמילה דוחה שבת, אף דאפשר לקיים שניהם לימול בערב שבת, ועל כרחך כנ"ל כיון דהלאו נולד רק בעת קיום העשה דוחה אף דאפשר לקיים שניהם, אם כן, כמו כן כאן, לא היה מגיע עונש לנדב ואביהוא בעובר שהורו הלכה בפני רבם, כיון דמצוה להביא מן ההדיוט אמרינן עשה דוחה לא תעשה אף דאפשר לקיים שניהם כיון דעיקר הלאו רק על ידי קיום המצוה כנ"ל ודוק היטב**. פירוש: אין פסוק שטייט **וַיִּדֹּם אַהֲרֹן** - און לכאורה איז שווער, אז נדב ואביהוא האבן זיך פארדינט זייער עונש, ווייל זיי האבן מורה געווען הלכה בפני רבם, און וועגן דעם פרעגט די מדרש: **מה הוי ליה לומר** - וועלכע טענה וואלט אהרן געקענט האבן, און אפילו אזוי האט ער געשוויגן[1], נדב ואביהוא האבן זיך דאך פארדינט זייער עונש בצדק? אויף דעם ענטפערט די מדרש: **היה לו לומר וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל בְּשַׂר עָרְלָתוֹ** - דהיינו, אהרן הכהן וואלט געקענט טענה'נען אז 'וביום השמיני' וואס פון דעם דרש'נט מען אז 'אפילו בשבת', און לכאורה איז שווער די קשיא פון די ש"ך, אויב מעג מען מל'ן אפילו תוך שמונה, פארוואס מעג מען מל'ן אפילו אין שבת עס איז דאך 'אפשר לקיים שניהם'? און מען וועט ענטפערן די תירוץ פון דער קול אריה, אז ווען די 'לא תעשה' ווערט נולד אין די 'עשה' זאגט מען נישט דער כלל פון אפשר לקיים שניהם, און אויב אזוי דא אויך ביי נדב ואביהוא, איז נישט געווען די כלל פון 'אפשר לקיים שניהם', און נדב ואביהוא האבן גארנישט געטוהן שלעכט ווען זיי האבן געהאלטן אז מצוה להביא אש מן ההדיוט, ווייל דער מצוה האט יא דוחה געווען די לא תעשה פון מורה הלכה בפני רבו, און אפילו אזוי 'וידום אהרן'!

---

[1] הלשון וידום משמע, שהיה לו מה לומר. עי' בספר הר צבי מהגאון שר התורה רבי הירש פסח פראנק זצ"ל שכתב כאן על הפסוק: במדרש פליאה איתא, 'וידם אהרן' מאי הוה ליה למימר, הוה ליה למימר וביום השמיני ימול בשר ערלתו. לכאורה יש להבין, וכי מי אומר שהיה לו מה לומר? ומשמע שמשמעות המלה וידום היא, שהיה לו מה לומר. וכן כתב הגר"י עטלינגר בספר 'בנין ציון' (תנינא, סימן סו) על לשון 'אשתיק' שבדברי חז"ל, שהמשמעות היא שהיה לו מה להשיב אל ששתק. ע"כ. וע"ע בספר 'נפשות חסידיו' חלב ב', עמוד קטו, שכתב: סיפר לי הרב הגה"צ מו"ה יעקב יוסף (שליט"א [זצלל"ה] בן הה"ק הר' דוד מסקווער זצלל"ה שאירע לאביו מית בן יקיר ל"ע, ונכנס אחד החסידים לנחמו ואמר לו שצריכין לקבל באהבה. ענהו הה"ק וכי אתה סובר שאין אנו מרגישין בצרה!? מ'פיהלט און ס'רייסט דאס הארץ, און מ'שווייגט. ועל כן כתב רש"י על 'וידום אהרן' שקיבל שכר על השתיקה, שלא יסבור הקורא שלכך שתק יען שלא נצטער על מיתתם. רק נצטער מאד, ואף על פי כן שתק. ועל כן קיבל שכר על השתיקה. עד כאן דברי קדשו זצלל"ה.